מ. י. לערמאנטאוו

# מצירי

ייִדיש: אברהם בלאָק

פֿאָרוואָרט פֿון נ. פֿ.

„נייער פארלאג“
1921 ═══ ווארשע

111

מ. י. לערמאנטאוו

# מצירי

יידיש: אברהם זאק

פארוואָרט פון נ. פּ.



„נייער פֿאַרלאַג"—װאַרשע 1921

Copyright by Ph.' Geliebter
232 Linden str.
.N. Y — Brooklyn.

Druk. Br. Wójcikiewicz Kramy Nalewkowskie.

* *
*

מיכאַיל לערמאָנטאָוו איז געבוירען געוואָ-
רען אין מאָסקווע דעם 14-טען אָקטאָבער 1814, אין אַ
סביבה, צו וועלכער מענטשען מיט אַ טיפער נאַטור און אַ
גרויסען שכל האָבען זיך ווייניג געפּאַסט. אַרום זיין וויגעלע
האָט זיך געוועבט אַ דראַמע: אַ דראַמע פון אַ פּאָר-פאָלק,
ווו דאָס ווייב האָט געהערט צו אַ רייכען אַריסטאָקראַטישען
הויז און האָט קעגען ווילען פון דער משפחה חתונה געהאַט
מיט אַן אָרעמען אָפיציר פון מיטעלען שטאַנד. דעם פאָטע'ס
מוטער איז געשטאָרבען, ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרען
דאָס דריטע יאָר. דאָס קינד איז דערצויגען געוואָרען ביי אַ
רייכער באָבע, אַרומגערינגעלט מיט ווילטאָג, ליבע און צערט-
לעכקייט. דער אָרעמער טאַטע האָט געוואָלט נעמען דעם בן
יחיד צו זיך: די אַריסטאָקראַטישע באָבע איז אָבער געווען
שטאַרקער פון אים. די דאָזיקע פאַמיליע-סכסוכים האָבען גע-
מאַכט זעהר אַ שווערען איינדרוק אויף דעם יונגען לערמאנ-
טאוו, וועלכער האָט געהאַט אַ טיף-פילענדיקע נשמה און האָט
שטאַרק געליטען, שפּירענדיק, אַז פון וועגען אים ווערט זיין
עלענטער פאָטער באַ'עולה'ט. נאָך אַלס קינד איז לערמאנטאוו
דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע און שווערע קראַנקהייט, איינע פון
יענע קראַנקהייטען, וואָס שוואַכען-אָפּ דעם גוף, פארשטאַרקען
אָבער דאָס גייסטיקע לעבען און פאַרשאַרפען די געפילען. ער
איז פרי רייף געוואָרען. 10 יאָר אַלט, האָט ער איבערגעלעבט
זיין ערשטע ליבע.

אָבער די ספערע, אין וועלכער ער האָט געלעבט און זיך
אַנטוויקעלט, איז געווען צו פלאַך און צו אָרעם, אַלס סביבה
פאַר אַזאַ אויסערגעוויינלעך טיפע און שטאַרקע נאַטור. רוס-
לאַנד האָט דעמאָלט געשמאַכט אונטער דעם יאָך פון ניקאָלאַי
דעם ערשטען. דאָס גייסטיקע לעבען איז געווען אונטערדריקט.
פעסטונגען, טורמעס און אַ ווילדע צענזור האָבען דערשטיקט
עדען פרייען געדאַנק. די בעסערע מענטשען האָט מען פאַר-
שטאָפּט דאָס מויל, און די אַזוי גערופענע „געזעלשאַפט" האָט
פאַרבראַכט דאָס לעבען אין פוסטע פאַרווילונגען. אַרבעטען
האָט זי נישט געדאַרפט: דער פויער דער קנעכט האָט געלי-

פֿערט אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפֿט האָבען צו אַ פֿאַרשווענ-
דעריש לעבען

מיכאיל לערמאָנטאָוו האָט זיך געפֿילט אין מיטען פֿון זיין דור ווי א ריז צווישען ליליפוטען. ער האָט פֿריי דער-שפּירט זיין אויסדערוויילטקייט, פֿריי זיך אָפּגעזונדערט פֿון אַלע און זיך איינגעשלאָסען אין זיך אַליין. ער האָט אסך געלייענט און אויך זיך געלערנט. דעם אוניווערזיטעטישען פּאַנסיאָן האָט ער געענדיקט אלס ערשטער שילער. שוין דעמאָלט האָט ער געשריבען לידער, געפֿינענדיק זיך אונטער פּושקינס איינ-פֿלוס. צו 16 יאָר איז ער שוין אנגעקומען אין מאָסקווער אוניווערזיטעט, אָבער דעם קורס האָט ער נישט געענדיקט, ווייל לייענענדיק אין דערהיים אַלע נייעסטע וויסענשאַפֿטלעכע ווערק אין די אויסלענדישע שפּראַכען, האָט ער געקענט מער פֿון זיינע פּראָפֿעסאָרען און זיי האָבען אים דאָס נישט גע-קאָנט מוחל זיין. אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט האָט ער נישט געקענט אריינקומען אָבער נאָרישע מאָדנע סבות, און אים איז געבליבען נאָר אריינצוטרעטען אין א יונקער-שולע, וועלכע איז געווים נישט געווען דאָס אָרט פֿאַר דעם גענאַ-לען [illegible].

ער איז אריינגעצויגען געוואָרען אין דאָס לייכטזיניקע לעבען פֿון פֿייניגע יונקערס און אויב ער האָט גלייכצייטיק געשריבען מערקווירדיקע לידער, זענען זיי געווען פֿאַרפּאַרבט מיט כאַראַקטעריסטישער אָפּגעזאָגטער פֿריוואָליטעט. אין דער יונקער-שולע האָט ער פֿאַרבראַכט „צוויי שרעקלעכע יאָר", ווי ער האָט זיי דערנאָך אַליין כאַראַקטעריזירט

אלס אָפֿיציר האָט ער אָנגעשריבען אויך פֿון זיינע באַ-רימטע ווערק, ווי צום ביישפּיל: „די יודישע מעלאָדיען", „דאָס ארץ-ישראל-צווייגעלע" וכדומה, אין איין דער איגענער צייט ווייטער געפֿירט דאָס פֿרייליכע אָפֿיצירישע לעבען, וואָס האָט זיך אָבער נישט געפּאַסט צו זיין ערנסטער נאַטור. דאָ האָט זיך שוין בולט אָנגעצייכענט די צווייזייטיקייט פֿון זיין כאַראַקטער די צווייזייטיקייט, וואָס איז געווים געווען נאָר א פּועל-יוצא פֿון דער עפּאָכע און די לעבענס-באַדינגונגען. ס'איז געווען אַ ביראָנישע נאַטור. ער האָט הויך געשעצט דעם מענטש אַלס די קרוין פֿון דער וועלט. שוין פֿון קינדווייז אָן האָט ער אויסגעטראָגען אין זיין ברוסט דעם אידעאַל פֿון אַ שטאָלצען

ריינעם מענטש, וואָס פֿילט שטאַרק און איז פֿעיק צו גרויסע מעשים. ארום האָט ער געזען בלויז קליינלעכקייט, פֿלאַכקייט, מענטשעלעך אָן כאַראַקטער, קליאַטשע-נשמות, א גרוי, נאַריש און פּוסט לעבען, בירגערלעך פֿון געפֿיל און אבסאָלוטע אומ-טעטיקייט. און מער ווי פֿאַראַכטונג האָט ער צו זיין דור און צו זיין צייט נישט געפֿילט. ער האָט דאָס געגעבן צו פֿילן אַלע ארומיקע, און איז דערפֿאַר געווען זעהר נישט באַליבט. צו די מערקווירדיקסטע ווערק זיינע, וואָס האָבען נישט נאָר אַ קינסטלערישע נאָר אויך אַ היסטאָרישע באַדייטונג, געהערען יענע, אין וועלכע ער וואַרפֿט דער געזעלשאַפֿט מיט אַן אומ-געוויינלעכער קראַפֿט און שאַרפֿקייט גלייך אין פּנים אַריין אַ פֿאַרניכטענדיקע כאַראַקטעריסטיק אָנגעזאַפּט מיט צאָרן און האַס. אין גריגאָריעוויטשן האָט ער נישט געפֿונען אין זיך דעם כח זיך צו פֿאַרטיילען בין זיך און הער, צווישען ביכער און איינענע געדאַנקען, נאָר געפֿירט א טיפּיש פּוסט גרויסוועלטיק לעבען ווי אַלע ארום. אפֿשר איז אים מיט זיין שטורמיש-ליידענ-שאַפֿטלעכען כאַראַקטער פֿון א געבוירענעם קעמפֿער שווער גע-ווען צו רייסען א גזירה, און ער האָט געזוכט צו פֿאַרטרייבען מיט פֿאַרגניגנגען יענע גרויסע געפֿילען, וואָס האָבען געריסען זיין ברוסט.

נאָך פּושקינס טויט שרייבט לערמאָנטאָוו אָן זיין באַרימט פּראָטעסט-לידעלע וואָס איז א פּאַטש אין פּנים דער גאַנצער דעמאָלטיקער געזעלשאַפֿט און דערהויפּט דער אַריסטאָקראַטיע. דער יונגער פּאָעט ווערט באַרימט און אויך אַרויסגעשיקט פֿון פּעטערבורג. ער דינט אויפֿן קאַווקאַז, וועלכער האָט אויף זיין אָנגעטרעטענע נשמה געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק נאָך מיט יאָרען צוריק ווען דער 10-יעריקער לערמאָנטאָוו איז געבראַכט געוואָרען אַהין אויף קוראַציע. ליבע צו דער נאַטור איז איי-נער פֿון די גרונט-שטריכען פֿון לערמאָנטאָווס גייסטיגען אָנ-בליק. דאָס דאָזיגע יאָר וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אויפֿ'ן קאַווקאַז, האָט אים געמאַכט פֿאַר א קענער פֿון די גראַנדיעזע דרום-בערג מיט זייערע ווילדע שיינקייטען. דער קאַווקאַז איז פֿון דעמאָלט אָן די סביבה אין וועלכער דער דיכטער שטעלט אַוועק די פּערזאָנען פֿון זיינע פּאָעטישע שאַפֿונגען. ער שיל-דערט אין די דאָזיקע ווערק מענטשען, וואָס זיינען אַ שטיק פֿון דער נאַטור, מענטשען מיט שטאָלצע און שטאַרקע כאַראַק-

טערס, מיט מעכטיקע געפילען, דרייסטע באַשלוסען, טיפע איי-בערלעבונגען און גראנדיעזע מעשים. מ צ י ר י איז אייגער פון די דאָזיקע העלדען.

צוריקקומענדיק קיין פעטערבורג, ווייל לערמאָנטאָוו אוועק-ווארפען די מיליטער-דינסט, נאָר די היימישע לאָזען אים נישט און ווייטער לעבט דער גרויסער מענטש מיט'ן טריבען פארטראכטען פנים, פון וועלכען עס ווייעט עפּעס טראַגישעס און שרעקלעכס,—דאָס טאָפּעלע לעבען: שרייבט גרויסע ווערק און דרייט זיך אַרום אין אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען צווישען מענטשען, מיט וועלכע ער מיאוס'ט זיך אינערלעך. דאָס איז איבעריגענס געווען דער גורל פון אַ געניאַלען מענטש אין דע-מאָלטדיקען רוסלאַנד. דער ליכטיקער זוניקער פושקין האָט ניט אַנדערש געלעבט און איז געפאַלען אַ פּריצייטיקער קרבן פון דער צייט, וועלכע האָט ניט טאָלערירט דאָס גרויסע, שטאַרקע און צושטערענדיקע.

אין יאָר 1840 האָט לערמאָנטאָוו אַ דועל איבער עפּעס אַ נאַרישקייט. ער ווערט צום צווייטען מאָל פאַרשיקט אויף קאַווקאַז, און דעם 27 יולי 1841 ווערט ער, פונקט ווי פוש-קין, דער'הרג'ט אויף אַ דועל אויך איבער עפּעס אַ נאַרישקייט.

די ליטעראַרישע ירושה פונ'ם ריז, וואָס איז געשטאָרבען צו 27 יאָר, איז אומגעהויער גרויס לויט איר קוואַליטעט. זיין ליריק איז מערקווירדיק שטאַרק און טיף, ווייל זי האָט גע-שפּרודעלט פון די טיפסטע טיפעניששען פון אַן אָפּגרונטלעכער פולשטענדיק אייגענאַרטיקער נשמה. זיין שפּראַך איז בויגיק און רייך, דורכגעזאַפּט מיט דער לויטערסטער און עכטסטער פאָלקס-טימלעכקייט. זיין פערז איז פון אייזען געשמידט און פליסט נאַטירלעך און פריי ווי אַ בערג-קוואַל. אַלע ווערק צוזאַמענ-גענומען זיינען אַ דענקמאָל פון דער עפּאָכע. אַ שפּיגעל פון דער צייט און פון דער סביבה — און אַ בילד פון די איבער-מענטשלעכע אינערלעכע ענויים, אויף וועלכע עס איז פאַרמשפּ'ט געווען אַ טיטאַן, וואָס האָט געהאַט דאָס אומגליק דעמאָלט גע-בוירען צו ווערען.

פאַר אַזעלכע מעכטיקע צו שאַרף זעענדיקע און צו טיף פילענדיקע נאַטורען איז אין רוסלאַנד דעמאָלט ניט געווען קיין אָרט. לערמאָנטאָוו'ס פריצייטיקער טראַגישער טויט איז געווען נישט קיין צופעליקייט. נ. פ.

טעם טעמתי... מעט דבש
הנני אמות.
(שמואל א׳ י״ד).

## I.

ניט לאַנג צוריק אין יאָרענלויף,
ווו ס׳רוישען, גיסען זיך צונויף
געאָרעמט, ווי צוויי שוועסטער גלײַך, —
קוּראַ, אַראַגוואַ, — טײַך מיט טײַך,
אַ מאָנאַסטיר איז דאָרט געווען.
פֿון הינטער באַרג אַ וואַנדרער קען
די טויער־זײַלען איצט נאָך זען,
די אַרקע, טורעמס אין דער לופֿט,
נאָר עס פֿאַרשפּרייט שוין דאָרט קיין דופֿט
דער ווײַרויך שמעקעדיקער זאַט;

קיין תּפֿילה הערט זיך אין דער נאַכט
פֿון די, ווער ס׳בעט פֿאַר אונדז פֿאַרטראַכט...
איצט דרייט אַ זקן דאָרט זיך אום,
האַלב־טויטע וואַך פֿון חורבות, שטום,
פֿון מענטש און טויט פֿאַרגעסן גאָר,
ר׳שטויבט־אָפּ די קברים־פּליטעס קלאָר,
וואָס ווייער אָנשרײַבּט רעדט פֿון רום
פֿאַרגאַנגענער, דערציילט אויך שטום,
ווען פֿון זײַן קרוין געדריקט, געניוט,
אַן׳אַלטער מלך, וואָס שוין טויט,
זײַן פֿאָלק האָט רוסלאַנד אָנפֿאַרטרויט.
גאָטס חסד איז אַראָפּ אין לאַנד
פֿון גרויען,—ס׳האָט דאַן נאָבאַנאַנט
געבליט אין סעדערס שאָטען זאַכט,
אָהן פּחד פֿאַר דעם שונאס מאַכט,
פֿון שטיקעס פֿרײַנטלעכע באַוואַכט.

.II

אַ גענעראַל אַ רוסיש׳ איז
אַמאָל געפֿאָרען צו טיפֿליס;
אַ ג׳פֿאַנגען קינד געפֿירט האָט ער,
וואָס קראַנק געוואָרען איז עס שווער
פֿון לאַנגען שווערען וועג ביז גאָר, —
ס׳האָט אויסגעוויזען אַלט זעקס יאָר.
גלייך ווי אַ סערנע שרעקיק, ווילד,
שוואַך ווי אַ טראָשטש און בייגיק־מילד,
נאָר ס׳האָט די קרענק אין אים צופֿלאַמט
אַ גייסט אַ ריזיקען, וואָס שטאַמט

פֿון זײַנע אָבות. ר׳האָט זײַן צער
פֿאַרבאָרגען טיף, און ס׳האָט זאָגאַר
קײן קרעכץ פֿון אים זיך ניט געהערט,
פֿון ס׳עסען ר׳האָט זיך אָפּגעקערט;
ער האָט געצאַנקט דאָך שטאָלץ און שטיל.
ס׳האָט אײן מאָנאַך פֿון מיטגעפֿיל
דעם קראַנקען צוגעזען, באַוואַכט,
אין װענט פֿון מאָנאַסטיר געבראַכט
מיט טרײַער זאָרג געזונט־געמאַכט,
פֿון פֿרײד פֿון קינדערשער גאַנץ װײַט,
האָט ער פֿון אַלע זיך באַפֿרײַט,
נעבלאָנדזשעט אײנזאַם, שטום און באַנג,
אין מורח־װײַט פֿאַרקוקט זיך לאַנג...
געצויגען האָט אים נאָכאַנאַנט
אַהײם, אַהײם, צו זיך אין לאַנד,
נאָר ר׳איז געװױנט געוואָרען דאָרט,

פֿאַרשטאַנען שוין די שפּראַך פֿון אָרט;
געטויפט פֿון גײַסטלעכן, און ווײַט
פֿון וועלט, האָט ער שוין מיט דער צײַט
געוואָלט פֿרי טאָן אויף אַלץ אַ מאַך,
אַ נדר־טאָן — און זײַן מאָנאַך.
נאָר איינמאָל הערבסט — ער פֿליט אַוועק
אין מיטען נאַכט. אַ וואַלדיק וועג
ציט איבער בערגער זיך אַרום,
דרײַ טעג געזוכט אים אומעטום —
אומזיסט. די וועגן שווײַגן שטום.
געפֿונען דאַן אין סטעפּ פֿאַרשמאַכט,
אויף ס'נײַ אין מאָנאַסטיר געבראַכט.
ר'איז שרעקלעך דאַר געווען און שוואַך,
ווי ר'וואָלט געליטען שוין אַ סך,
ווי קראַנק געווען, געהונגערט לאַנג,
ר'האָט נישט געענטפֿערט מיט קיין קלאַנג.

מיט יעדען טאָג מער ביטער און באַנג,
און נאָענט געווען איז זיין פאַרגיין.
דאַן קומט דער גייסטלעכער צוגיין
מיט תּפילות הייליקע צו איִם.
דער חולה הערט מיט שטאָלץ זיין שטים.
ר׳שטרענגט־אָן דעם לעצטען כּח דאַן,
צערעדט זיך פֿאַר דעם אַלטען מאַן;

III.

„געקומען ביסט מיט אַ פֿאַרלאַנג
מײַן ווידוי הערען—גוט, איך דאַנק.
אַלץ בעסער לינדערען אַצונד
פֿאַר וועמען ס'איז פֿון האַרץ די וווּנד;
נאָר קעגען מענטשען כֿ'האָב קיין זינד,
דערפֿאַר פֿיל זאַכֿען קענען צינד
נישט נוצען אײַך צו וויסען גאָר —
די זעל דערציילען צי מען טאָר?
נישט פֿיל געלעבט דאָ, פֿרעמד, אַליין,
אַזעלכֿע לעבענס צוויי פֿאַר איין.

נאָר פֿול מיט שטורם, ווען כ׳וואָלט געקענט,
וואָלט איך געטוישט מיט ביידע הענט...
כ׳האָב נאָר געקענט איין חלומס קראַפט,
איין פֿלאַמענדיקע ליידענשאַפֿט:
זי האָט געלעבט טיף ווי אַ שלאַנג,
פֿאַרברענט מײַן זעל, געמאַכט זי קראַנק;
גערופֿען האָט זי נאָר מײַן טרוים
פֿון צעלען, תּפֿילות פֿרײַ צום רוים
אין וועלט פֿון אומרו און פֿון שלאַכט,
וווּ פֿעלזן גרייבן וואָלקענס פּראַכט,
וווּ פֿרײַ דער מענטש, פֿול אָדלערמאַכט...
כ׳האָב אָט דאָס פֿלאַמיקסטע באַגער
אין נעכט גענערט מיט בענקשאַפֿטסטרער;
פֿאַר הימעל, ערד, פֿאַר באַרג און טאָל,
איך זאָג עס פֿרײַ איצט אויפֿ׳ן קול
און בעט קיין סליחה נישט צומאָל.

IV.

„דו זקן! ס'איז קיין סוד מיר ניט,
אַז דו האָסט מיך פֿון טויט פֿאַרהיט;
נאָך וואָס?... כֿ'בין איינזאַם און דערדריקט,
דורך ווינט אַ בלעטעל אָפּגעפּליקט,
געוואַקסען דאָ אין תּפֿיסה-שמאַך—
מיט זעל אַ קינד, דאָך אַלס מאָנאַך.
כֿ'האָב קיינעם זאָגען ווען געקאָנט
ניט „פֿאָטער" „מוטער" האַרציק-נאָנט.
געוויס, דו האָסט געוואָלט, דו גרייז,
כֿ'זאָל דאָ פֿאַרגעסען ביסלעכֿווייז

די נעמען טײַערע אויף לאַנג. —
אומזיסט: געבוירען זייער קלאַנג
ז׳מיט מיר. כ׳זע אַלע האָבען פֿרײַנט,
אַ שטוב, אַ הויז, אַ זון, וואָס שײַנט,
און איך — כ׳האָב קיינעם, כ׳בין אַליין,
נישט נאָר קיין פֿרײַנט—קיין קבר־שטיין!
און דאַן, נישט קלאָגענדיק אָהן ציל,
האָב איך בּאַ זיך געשוואוירען שטיל:
כאָטש ווען עס איז, איין רגע כ׳זאָל
מײַן פֿלאַמענדיקע בּרוסט אַמאָל
צ׳אַנ׳אַנדער בּרוסט אַ דריק־טאָן נאָנט,
צ׳אַ היימישער, כאָטש אומבּאַקאַנט.
נאָר ווײ! די טרוימען אויסגעלאַכט,
פֿאַרלוירען אין דער שענצטער פּראַכט,
און ווי געלעבט, וועל איך פֿאַרגיין
אַ קנעכט, אויף פֿרעמדער ערד אַליין...

V.

„מיך שרעקט דער קבר קיין מינוט,
דאָרט, זאָגט מען, איז קיין ליד – אַלץ רוט
אין אייביקען און קאַלטען שלאָף,
נאָר ס'הילט זיך נאָך ניט שוין דער סוף...
כ'בין יונג, כ'בין יונג... האָסטו געוואוסט
די יוגענטטרוימען און די לוסט?...
צי ניט געוואוסט, צי ס'איז שוין בלאָס,
פֿאַרגעסען לאַנג דיין ליבע, האַס;
ווי ס'האָט דאָס האַרץ פֿון פֿרייד געקוועלט
ווען כ'האָב געזען די זון און פֿעלד

פֿון ווינקעלטורעם אין דער הייך,
ווו פֿריש די לופֿט, ווו ס'טרעפֿט ווען אויך
אין טיפֿען שפּאַלט פֿון דיקער וואַנט
אַ קינד פֿון ערגעץ־ווו אַ לאַנד,
זיך טוליענדיק — אַ טײַבעל זיצט
אין שרעק פֿאַר שטורעם דאָרט געשיצט.
דיר מעג אַצונד די וועלט, וואָס שטראַלט,
פֿאַרנמאַכט זײַן: ביסט גרוי, ביסט אַלט.
ס'ווערט קיין פֿאַרלאַנג בײַ דיר געוועבט,
נאָר ס'שאַדט נישט, גרײַז, דו האָסט געלעבט
האָסט עפּעס דאָך געהאַט אויף דר'ערד,
מיר איז עס נישט געווען באַשערט!

## VI.

„ווילסט וויסען, וואָס כ'האָב אויף דער פריי־
געזען? פעלדער פרעכטיק, ניי,
און בערגלעך מיט אַ קרוין אַרום
פון ביימער טונק'לע אומעטום,
וואָס רוישען פריש און מחנותחייז
ווי ברידער טאַנצענדיק אין קרייז;
אויף שטיקער פעלד האָב איך געבליקט,
ווען ס'האָט דער שטראָם זיי ביז צופליקט;
געוווסט, וואָס טרוימט זיי נאָכאַנאַנט,
פון אויבען האָט מען־מיר באַקאַנט!

צושפרייט אין לופטען שוין פון לאַנג
די אָרעמס שטיינערנע אין דראַנג —
צוזאַמענפלעכטען זיך אָהן ברעג,
נאָר ס'פליִען יאָרען אַלץ אַוועק,
ס'נעמט ווייער בענקעניש קיין עק!
כ'האָב שפּיצען בערגער דאָרט געזען;
ווי טרוימען איבערליש געוועזן,
ווען אין באַגייסטערטער שעה,
ווי די מזבחות דאָרט און דאָ,
געריבערט האָט זיך ווייער הויך;
און וואָלקענדלעך ווי ווייסער רויך
די נאַכטהיים לאָזען זיי אַוועק
און שווימען אין דעם מזרח־וועג,
גלייך ווי אַ ווייסער קאַראַוואַן
פון וואַנדערפייגעל ציען דאַן!
כ'האָב ווייט געזען דורך אַ טומאַן

אין שנייען, ברענענד ווי פּלמיִז,
דעם גרויען, מעבֿטיקען קאַווקאַז;
און ס'איז דעם האַרץ געווען גרינג,
איך ווייס נישט וואָס, כֿאָטש נעם און זינג.
געזאָגט האָט אַ געהיימער קול,
אַז כֿ'האָב דאָרט אויך געלעבט אַמאָל,
און אין זכּרון האָט בײַ מיר
געעפֿענט זיך די עבר־טיר...

## VII.

„כ'האָב זיך אָן פֿאָטערס הויז דערמאָנט,
אָן אונדזער בערגטאָל אין אין נאָכט
אין שאָטענס דער אַל צושפּרייט;
עס פֿליען טומעלדיקערהייט
טאַבונען שוין אַהיים געשווינט,
עס בילען ווײַט באַקאַנטע הינט.
כ'געדענק בײַ דער לבנהס ליכט
די זקנים טונקעלע געזיכט,
וואָס פֿלעגן קעגן פֿאָטערס הויז
זיך זיצן רחבֿותדיק אין גריס;

בּ׳געדענק דיִ אויסגעצירטע שׁייִד
פֿון די קינזשאַלען... שטומערהייט
דאָס אַלעם ווי אַ טרוים פֿון לאַנג
איז דורך פֿאַר מיר פֿאַרנעפּעלט, באַנג...
מײַן פֿאָטער? לעבּעדיק פֿאַר מיר
אין שלאַבּטקליידער, אין שטאָלצען ציר
איז ער דערשינען. בּ׳זע ווי איצט
דאָס שילד, וואָס קלינגט; די בּיקס, וואָס בּליצט,
ווײַן שטאָלצען בּליק, וואָס מוט נאָר שפּריצט;
און מײַנע שוועסטער — יונג און שלאַנק,
פֿון זײ׳רע אויגען־זיס דעם בלאַנק,
פֿון זײ׳רע לידלעך כ׳הער דעם קלאַנג
נאָך בּאַ מײַן וויגעלע, פֿון לאַנג...
אין בּערגטאָל האָט אַ שטראָם געיאָגט,
גערוישט, כּאָטש ר׳האָט קיין טיף פֿאַרמאָגט;
בּ׳פֿלעג צו ווײַן גאָלדען זאַמד אַוועק

באַטאָג זיך שפּילען באַ זײַן ברעג,
און שוואַלבען נאָכגעקוקט פֿאַרטראַכט,
ווען פֿאַר אַ רעגען שוועבענד, זאַכט
באַרירען ווי אַ כוואַליע נאָנט.
און כ'האָב זיך אונדזער היים דערמאָנט,
באַם אָווענטפֿײַערל אין שטיל
די לאַנגע שײנע מעשׂות פֿיל,
ווי ס'האָבן מענטשען פֿון אַמאָל
געלעבט ווי אין גן=עדן=טאָל...

## VIII.

„חילסט וויסען, וואָס כ'האָב אויף דער פֿרײַ
געטאָן? ס'וואָלט אָהן די טעג די דרײַ,
אָהן זײער ׳כשופֿדיקען שײַן,
מײַן לעבען טרויריקער נאָך זײַן
פֿון אַלטקײַט אָהנמעכטיקער דײַן.
מיר האָט געוואָלט זיך פֿון אַ צײַט
אַ קיק־טאָן אויף די פֿעלדער ווײַט;
איז שיין די ערד — כ'האָב זען באַגערט;
פֿאַר פֿרײַהײַט, צו פֿאַר תּפֿיסה ווערט
דער מענטש געבוירען אויף דער ערד...

און אין אַ פּחד־שעה באַנאַכט,
ווען ציטערענד פֿאַר דעם, שטורעמס מאַכט,
ווען בּאַם אַלטאַר אין שרעק אָהן שיעור
געלעגען שווייַגענדיק זייַט איר, —
בּין איך אַוועק. —ווּ׳ אַ בּרודער בּ׳האָלט
מיט שטורם זיך אָרעמען געוואָלט.
בּ׳האָב וואָלקענס נאָכגעשפּירט מיט היץ
און מיט דער האַנט געכאַפּט דעם בּליץ...
זאָג, וואָס וואָלסטו דאָ אין די ווענט
מיר געבּען אַלס אַ בּייַט געקענט
פֿאַר יענער פֿרייַנטשאַפֿט—קורץ, נאָר העל –
דאַן צווישען שטורם און שטורמיק וועל?...

IX.

געלאָפֿען לאַנג—װוּהין? ביז װאַן?
װער װײסט! קײן שטערען איז פֿאַראַן,
װאָס זאָל באַלײַכטען מיר דעם װעג.
און כ׳האָב אַ דורשטיקער אָהן ברעג
געזאַפּט טיף אין מײַן קראַנקער ברוסט
די נאַכטפֿרישקײט פֿון װאַלד מיט לוסט—
מער גאָרנישט. כ׳װער דאַן אין דער מיט
פֿון לױפֿען שעה׳נלאַנג שױן מיד
און כ׳האָב אין פֿרישען גראָז געקניט;
זיך צוגעהערט, צי יאָגט נישט װער,

אַנטשטומט דער שטורם. ס׳שײַנט אַהער
פֿון ליכטיקײַט אַ לאַנגער פּאַס
צװישען ערד און הימעל, בלאַס.
און כ׳האָב דערזען אין װײַט צישפּרײַט
פֿון שפּיצען בערג אַ לאַנגע קײט.
געלעגען בין איך שטיל, פֿאַרשטומט,
ס׳האָט צײַטענװײַז פֿון טאָל געברומט,
געװײנט װ׳אַ קינד האָט אַ שאַקאַל,
און, בלישטשענדיק מיט שופּענשטראַל,
ט׳אַ שלאַנג אין שטײנער זיך געשאַרט,
נאָר ס׳האָט קײן שרעק מיך נישט געצאַרט:
אויך מענטשענפֿרעמד װ׳אַ טיער בין איך,
באַהאַלט זיך װי אַ שלאַנג און קריך.

## X

„ס׳דאָט אונטער מיר, אין טיפֿקייטס רויש,
פֿאַרשמאַרקט פֿון רעגענס פֿיל אַ שטרוים
געראָיש, געיאָגט זיך מיט אַ האַסט,
ווי ס׳וואָלטען קולות זיך געפּעסט
פֿיל הונדערטער. קיין ווערטער גאָר.
דאָך איז ס׳געשפּרעך געווען מיר קלאָר
דער קריג, וואָס נעמט קיינמאָל קיין עק,
מיט קופּעס שטיינער אין דעם וועג.
דאָ ווערט ער שטיל און נעמט אַ ברעג,
דאָ ווערט ער שטאַרקער און פֿאַרקלינגט;

און אָט אַ מחנה פֿייגעל זינגט
אין נעבעלהויך; דער מזרח צינדט
מיט גאָלד זיך אָן, עס האָט אַ ווינט
געריהרט די בלעטער, וואָס נאָך פֿײַכט,
פֿאַרשלאָפֿנע בלומען אָטעמען לײַכט;
ווי זיי, אַנטקעגען טאָג און שײַן,
דעם קאָפּ כ'האָב אויפֿגעהויבן מײַן...
איך קוק אַרום זיך — ס'נעמט אַ שרעק —
כ'באַהאַלט עס נישט — כ'ליג אויפֿ'ן ברעג
פֿון אָפּגרונט גרויזאַמען, ווו ס'ברומט
דער בייזער וואַל, וואָס קיינמאָל שטומט.
דאָרט זענען פֿעלזענטרעפּ אַ ריי,
דער שטן בלויז ט'געשפּרייזט אויף זיי,
בשעת — פֿאַריאָגט פֿון הימעלסרוים —
פֿאַרשווונדען ז'ער אין שוואַרצען תהום...

## XI

„ס׳בליט רײַך אַ פּרדס אַרום מיר,
פון בלאַט און גראָז דער בונטער צירֿ
דעם שפּור פֿון הימעלסטרערען הוט;
די װײַנשטאָקלאָקען אין דער מיט,
װי שלענגלען זיך מיט בלאַנק און חן
פֿון בלעטערגרינקײט קלאָר און ריין
און טרויבען זאַפּטיקע אויף זיי,
װי גיטע אוירינגלעך אַ רײ,
װי הענגען רײַך. עס פֿליט צו־צײַט
אַ פֿויגעלשאַר צו זײ פֿון װײַט

און ווידער פאַל איך צו צו דר'ערד,
און כ'האָב אויף ס'נײַ זיך צוגעהערט
צו מאָדנע כשוף־שטימען פיל,
וואָס האָבען זיך געסודעט שטיל,
גלײַך וועגען סודות גײַט אַ רייד
פון ערד און הימעל שטילערהייט;
און אַלע שטימען פון נאַטור
דאָ גיסען זיך צונויף. און נור
דעם מענטשענס קול, עס קלינגט נישט דאָ
אין הייליק־פײַערלעבער שעה.
אַלץ, וואָס איך האָב געפילט נאָר דאַן,
פון דעם איז איצט קיין שפור פאַראַן; –
נאָר כ'וואָלט דערציילט איצט וואָס פאַרבײַ
אין לעבען, כאָטש אין זין, אויף ס'נײַ.
אין יענעם מאָרגען איז געווען
דער הימעל אזוי ריין. מ'האָט געזען

דעם מלאכֿס פֿלי אין דר׳הויך געקאָנט,
ר׳איז טיף געװען, דעם אויג דאָך נאָנט,
מיט גלײַבֿער בלאָקײַט פֿול אַרום!
כֿ׳האָב מיט׳ן בליק און װעל זיך שטום
אין אים געטרונקען, ביז ס׳צעגליט
דער טאָג זיך. טרוים נאָך טרוים פֿאַרפֿליט.
און כֿ׳װער פֿון דורשט פֿאַרשמאַכֿט און מיד.

XII.

דאַן האָב איך מיר צום שטראָם פֿון באַרג,
אָן שטרויכלען האַלטענדיק זיך שטאַרק,
פֿון פֿעלז צו פֿעלז גענומען גיין
אין נידער. אָפֿט פֿלעגט מאָן אַ שטיין
אַ פֿאַל פֿון אונטער מײַנע פֿיס,
נאָך אים לענג־אויס פֿון ערד דער ריס
זיך רײַכערט אין אַ שטויבענווײַל,
ער הילכט און שפּרינגט, און אין אַ ווײַל
דערשלונגען ווערט ער פֿונ׳ם שטראָם;
און איך — איך הענג איבער׳ן תהום, —

נאָר ס׳איז די יוגענט שטאַרק אָהן ברעג
און ס׳האָט דער טויט געוועקט קיין שרעק!
ווי כ׳בין אַראָפּ פֿון הויכקייט נאָר,
פֿון בערגיק וואַסער, ריין און קלאָר,
אַ פֿרישקייט האָט אויף מיר געווייט,
און כ׳פֿאַל צום וועל מיט דורשט און פֿרייד.
און דאַן – אַ שטים און לײַכטע טריט...
כ׳פֿאַרבאָרג זיך, פֿלאַטערנד, און ער מיט
פֿון אַ געדיכטען טונקלען שטרויך,
דער בליק צושראָקען און דער הייך,
און כ׳הער זיך אײַן מיט דורשט אָהן שיעור
ס׳ווערט נענטער, נענטער אַלץ צו מיר
דער גרוזיענטאָפּמערס שטים, וואָס זינגט.
ווי פֿריידיק, לעבעדיק זי קלינגט,
ווי זיס און פֿרײַ, גלײַך ווי געקאָנט
וואַלט זי נאָר נעמען, ליב און נאָנט,

װאָס תּמיד װערען זײ דערמאָנט.
דאָס איז געװען אַ פּשוט ליד,
דאָך ס׳האָט געפֿאַנגען מײַן געמיט;
און װי נאָר דעמערונג זיך װײַזט,
זינגט ס׳ליד אַנ׳אומזעבאַרער גײַסט.

## .XIII

„דעם קרוג אַרויף איבער'ן קאָפּ
איז די גרוזינערין אַראָפּ
שטיל אויף אַ שטעגעלע צום ברעג,
געגליטשט זיך אויף דעם שטיינערוועג,
געלאַכט ווי וואַקעלדיק זי גייט.
באַשיידען איז זי אָנגעקליידט;
געגאַנגען לייכט, מיט צאַרטע טריט,
די פאַלדען פון טשאַדראַ צושיט.
איר האָט די זומערגלוט צוגליט,
מיט שאָטען גאָלדענעם פאַרציט

איר בריסט און פּנים. ס'האָט אַ היץ
פֿון איר געאָטעמט. שװאַרצען בליץ
די אויגען טיפֿע װאַרפֿען גלײַך,
װאָס זענען ליבע־סודות רײַך.
ס'האָט אַוש מײַן זינען, װאָס דערהיצט,
צעמישט מיר. איך געדענק נאָר איצט
דעם קלאַנג פֿון קרוג, װען ס'האָט געשפּריצט
אין אים דאָס װאַסער פֿריש און קלאָר;
נאָכדעם אַ שאָרך... און מער קיין האָר.
און שפּעטער מיט אַ פּאָר מינוט,
װען שטילער האָט געװעצט מײַן בלוט,
איז זי שוין װײַט געװען פֿון מיר,
איר גאַנג כאָטש לאַנגזאַם — לײַכט איר ריר.
און שלאַנק, כאָטש פֿון איר לאַסט געקװעלט,
גלײַך װי דער טאָפּאָל אויף איר פֿעלד...
און קילער טונקעלקייט נישט װײַט

גע[illegible] אַ פֿעלז, באַם וויַט
צוויי [illegible] שטייען זיך אַ פּאָר;
געשלאָ[illegible] האָט זיך בלאָ און קלאָר
פֿון [illegible] פֿלאַכן דאַך אַ רויך.
איך זע [illegible] הויבט זיך, איצט נאָך אויך,
ווי ס׳[illegible] די טיר זיך איפֿגעמאַכט
און [illegible] זיך אויף האָם נײַ פֿאַרמאַכט..

—איך [illegible], ס׳איז צו פֿאַרשטיין דיר שווער
מײַן [illegible]שאַפֿט, טרויער און מײַן טרער;
ווען [illegible] — געקלעמט וואָלט עס מיך מער:
אַך, וואָלטן די זכרונות־רײַך
און מיר, מיט מיר אויך שטאַרבן גלײַך!

.XIV

„אַ מידער פֿון דער שווערער נאַכט
האָב איך געלייגט זיך. ס'האָט פֿאַרמאַכט
אַ זאַנפֿטער שלאָף די אויגען מיר...
און כ'זע אין חלום גלײַך ווי פֿריִ'ר
דער יונגער גרוזיענטאָכטערס בילד.
אַ מאָדנע בענקשאַפֿט זיס דערפֿילט
און האָט געפּרעסט אויף ס'נײַ מײַן ברוסט.
מיר האָט זיך אָפּזיפֿצען געגלוסט —
כ'חאַפּ-אויף. לבנה שײַנט שוין צאַרט
און גנביש-שטיל נאָך איר זיך שאַרט

אײַן חאָלקענדעל װי נעפּעלשטױב,
חי ר׳חאָלט עס נאָכגעיאָגט זײַן רױב,
מיט אָרעמס דורשטיקע צעשפּרײט.
אַ מונקעלקײט ליגט װײַט און ברײט.
מיט פּרענו מיט זילבערנע אַרום
די שפּיצען שנײבערג אומעטום
געבלאַנקט פֿון װײַטענס האָבען שטום,
אין ברעג געפּאַטשט דער שטראָם האָט שװער
פֿון סאָקלע דרינגט אַ שײַן אַהער,
דאָ לעשט ער זיך, דאָ װידער דאָ;
אױף הימלען אין אַ שפּעטער שעה
פֿאַרלעשט אַזױ אַ שטערענהעל!
איך חאָלט אַהין... עס ציט מײַן זעל.
נאָר כ׳בין נישט דרײסט. איך האָב אײן ציל, —
אין הײמיש לאַנד... — ברױזט מײַן געפֿיל;
איך האָב אפילו אױך באַזיגט

דעם הונגער, און זײַן פּײַן פֿאַרוויגט.
און כ׳בין אַזוי מיט גלײַכען וועג
זיך שטיל און שווײַגענדיק אַוועק;
נאָר ס׳איז דער וואַלד געדיכט — אַ שרעק,
די בערג האָב איך פֿאַרלוירען באַלד,
גענומען בלאָנדושען אין דעם וואַלד.

## .XV

„אומזיסט האָב איך אַלץ בײזערהײט
די דערנער, וואָס מיט פּליושטש פֿאַרדרײט,
געפּליקט מיט אַ פֿאַרצװײפֿעלט האַנט:
עס ציט אַלץ װאַלד זיך נאָכאַנאַנד,
געבליטער אַלץ מיט יעדער שעה;
מיט שװאַרצע אויגען דאָרט און דאָ
קוקט שטום די פֿינצטערניש פֿון נאַכט
דורך שטרויכען שװײַגענדע, פֿאַרטראַכט...
עס האָט דער קאָפּ זיך מיר פֿאַרדרײט,
איך קריך אויף אײן בוים, אויף אַ צװײט, —

נאָר ס'האָט זאָגאַר באַם הימעלבּרעג
דער שפּיצענפֿילער װאַלד קײן עק.
געפֿאַלען בּין איך דאַן אויף דר'ערד,
די נאַכט נאָר האָט מײַן קלאָג געהערט.
און כ'בּײַס די בּרוסט פֿון דר'ערד אין פּײַן,
און טרערען שטראָמען פֿיל אַרײַן
אין איר אַזױװי הײסער טױ...
נאָר מענטשענס הילף, אָ, גלױב און טרױ,
כ'האָב נישט פֿאַרלאַנגט... װער װײס פֿון מיר?
כ'בּין פֿרעמד זײ װי פֿון סטעפּ אַ טיער;
און װאָלט נאָר אײן געשרײ — נישט מער —
אין מיר געפֿעלשט,—דאַן, גרײַז, איך שװער,
בּ'װאָלט אויסגעפּליקט מײַן צונג אָהן טרערן

.XVI

„גערענקסט מײַן קינדהײַטסצײַט, אַמאָל?
כ'האָב דאַן קײן טרער געקענט צומאָל;
נאָר דאָ געװײנט כ'האָב אױפֿ'ן קול.
װער האָט געזען? דער שװאַרצער װאַלד
אין דער לבֿנהס בלאַס געשטאַלט.
באַלױכטען פֿון איר שטראַל, באַהעלט,
באַדעקט מיט מאָך און זאַמד, פֿאַרשטעלט
מיט אַ געדיכטער װאַנט אַרום.
װאָס פֿעסט פֿאַרמאַכט פֿון אומעטום, —
ז'געװען אַ פֿעלד. און פּלוצלונג — ס'שלײַכט

אַ שאָטן זיך. עס פּינקעלט, לײַכט
פֿון פֿײַערס צװײ... עס האָט לסוף
אַ חיה פֿלינק געטאָן אַ לויף
פֿון דער געדיכטעניש פֿון װאַלד,
און שפּילענדיק, אין זאַמד זי פֿאַלט.
ס'אַ מדבר־גאַסט פֿון אַלטער צײַט —
דער שטאַרקער בער. גענאָגט, געקײַט
אַ רויען בײן האָט ער, געברילט,
זײַן בלוטיק בליק האָט ער געצילט,
דעם עק אומװאַרפֿענדיק גאָר שנעל,
אויף דער לבנה. ס'האָט זײַן פֿעל
באַגאָסן זיך מיט זילבערהעל.
איך כאַפּ אַ צװײַג, כ'ערװאַרט אַ שלאַכט.
עס האָט אין האַרץ מײַנס טיף דערװאַכט
אַ שרעקלעך דורשט נאָך קאַמף און בלוט...
נאָר יאָ, דאָס מזל אַנדערש טוט:

פִֿירט אִין אַנ׳אַנדער װעג מִיך גאָר...
נאָר אִיצטער װײַם אִיך זִיכֿער, קלאָר,
אַז כֿ׳װאָלט געקאָנט אִין הײמאַט מײַן
נִישט פֿוּן די לעצטע העלדען זײַן.

## XVII.

„איך װאַרט. און אָט ר׳דער ־פירט אין שטיל
פון שאָטען נאַכטס אַ פּײַנט. — אַ ברִיל,
גלײַך װי אַ װיפּן פּאַראַימערט=לאַנג,
פאַרהילכט אין לופט... און צאָרניק=באַנג
דעם זאַמד געפּליקט ר׳האָט מיט די פּים,
און פלוצלונג גיט ער זיך אַ רים.
מיך װאָלט אויף טויט דערדריקט געװים
זײַן ערשטער װילדער שפּרונג אויף מיר...
נאָר כ׳האָב געװאָרענט זיך אַפּריר.
מײַן קלאַפּ איז שטאַרק געװען און שנעל,

ס׳האָט אים מײַן צװײַג גלײַך אױף דער שטעל
זײַן ברײטן שטערן אױפגעהאַקט...
ר׳האָט װי אַ מענטש געקרעכצט פֿאַרשמאַכט,
געפֿאַלען, — דאָך דער קאַמף הינטן־אָן,
כאָטש בלוט האָט גלײַך אַ שטראָם געטאָן,
אַ כװאַליע בלוט געדריבט און רױט,
ס׳צופֿלאַמט זיך אַ געטעלע אױף טױט

## .XVIII

ער וואַרפֿט אויף מיר אַרויף זיך שווער,
נאָר כ׳שטעק אין האַלדז אים מײַן געווער
און דרײַ צװײַ מאָל עס הין און הער...
ער האָט געבּרומט — ווי שוידערהאַפֿט,
געריסען זיך מיט לעצטער קראַפֿט;
ח׳אַ שלאַנגענפֿאָר פֿאַרפֿלאָכטען פֿעסט,
אומאַרמענד מער ווי פֿרײַנט, געפרעסט,
געפֿאַלען זענען מיר אויף דר׳ערד.
דער קאַמף אין טונקעל הײַסער ווערט.
כ׳בין ווילד געווען דאַן אין געשלעכט,

גו׳אַ באַרם פֿון מדבר, שרעקלעך, שלעכּט.
איך האָב געבּרילט ווי ער, געפֿלאַמט,
ווי כ׳וואָלט אַליין גאָר אויך געשטאַמט
פֿון באַרסען־און פֿון וועלפֿענשטאַם
אין גרינעם פֿרישען וועלדער־ים.
הוכּט, כ׳האָב פֿאַרגעסען, נישט געוווּסט
די שפּראַך פֿון מענטשען, — מיך אין ברוסט
איז יענץ געשריי געבּוירען ווילד,
ווי ס׳וואָלט מײַן צונג גאָרנישט געפֿילט
פֿון קינדהײַט נאָך קיין אַנדער קלאַנג...
נאָר ס׳וואַרפֿט מײַן פֿיינט זיך שווער און לאַנג,
ער אָטעמט לאַנגזאַמער און באַנג,
ער טוט מיך האַן אַ לעצטען שטיק...
די שוואַרצאַפּלען פֿון קאַלטען בּליק,
זיי בּלאַנקען גרויזאַמיק, לסוף
פֿאַרמאַכען זיך צום אייביק שלאָף;

נאָר מיט׳ן פֿײַנט, וואָס האָט געזיגט,
ר׳האָט ריִק אויפֿ׳ן טויט געבליקט,
בײַ פֿאַר א העלד אין שלאַכט זיך שיקט!...

## XIX.

„דו זעסט באַ מיר דאָ אויף דער ברוסט
די שפורען טיף פון קראַלען לוכט;
נאָך נישט פאַרוואַקסען ביז אַצינד,
דאָך וועט זיי אָפּפרישען געשווינט
די פײַכטע ערד, דער טויט וועט זיי
אויף אייביק היילען און — קיין וויי.
כ'האָב דאַן פון זיי גאָר נישט געטראַכט,
כ'האָב אָנגעשטרענגט די לעצטע מאַכט
און בין אַוועק אין טיפען וואַלד...
נאָר ס'מזל איז ווי האַרט, ווי קאַלט:
אויף יעדען טריט זײַן שפּאָט מיר שאַלט!

## .XX

„איך בין אַרױס פֿון װאַלד. און אָט
דער טאָג דערװאַכט; דער קאַראַהאָר
פֿון הימעלסליכטער שװינדט שױן באַלד
אין װײַנע שטראַלען. און דער װאַלד
צערױשט זיך. דער אַױל אין װײַט
שױן רײַכפֿערט זיך. פֿון צײַט־צו־צײַט
ט׳דערהינט אין טאָל אַ רױש געבראַכט.
איך זעה זיך, הער זיך צו פֿאַרטראַכט;
נאָר ר׳הערט גלײַך מיט׳ן װינטעל שטום.
איך װאַרף די בליקען רונד אַרום;

ענק געגענט איז מיר, דוכט, באַקאַנט.
חי פֿײַנליך! כ׳קאָן לאַנג נישט פֿאַרשטײן,
ווי כ׳קום אויף ס׳נײַ אַהער צו גײן,
אַך, צו מײַן קאַלטען תּפֿיסה־צעלט;
אַז כ׳האָב אומזיסט זיך גאָר געקוועלט,
געפּלאַנט מיט זיך אַזוי פֿיל טעג,
געשמאַכט, געליטען אָהן אַ ברעג...
און אַלץ נאָך וואָס? — אום יונגערהײט, —
ערשט קוים געזען גאָט׳ס וועלט צושפּרײט,
באַם קלינגענדיקען רויש פֿון וואַלד
קוים נאָר דערשפּירט ווי פֿרײַקײט שאַלט, —
אַזעקטראָגען אין קבר־רוים
די בענקשאַפֿט נאָך מײַן הייליק׳ הײם,
פֿון פֿאַלשע האָפֿנונגען דאָס פּײַן,
די שאַנד נאָך פֿון רחמנות דײַן׳!...
איך האָב געספּקט צי ס׳איז וואָר,

געמיינט, ס'אַ בייזער חלום נאָר...
געוואָרען איז מיר אַלץ שוין קלאָר,
ווען ס'האָט פֿון גלאָק אַ ווײַט געקלאַנג
פֿאַרקלונגען אין דער שטילקייט באַנג...
אָ, כ'האָב דערקענט אים, ס'האָט זײַן קול
פֿאַרטריבען בייז שוין נישט איין מאָל
פֿון קינדערבליק די טרוימענהעל
פֿון די, וואָס זענען נאָנט מײַן זעל,
פֿון פֿרײַקייט אינ'ם סמעפענרונג,
פֿון פֿערד צעווילדעוועט און יונג,
פֿון שלאַכטען צווישען פֿעלז און שטיין,
ווי פֿיל האָב איך באַווייגט אַליין!...
און כ'האָב געהערט אָהן טרער, אָהן מאַכט.
פֿון הארצען, האָט זיך מיר געדאַכט,
קוים יענק געקלאַנג, ווי ס'וואָלט מיך ווער
געקלאַפּט אין ברוסט מיט אײַזען שווער.

און דעמעלט איז מיר קלאָר געווען
אַז כ'וועל דעם שפּיר פּון הײם נישט זען,
דאָס וועט שוין קײנמאָל נישט געשען.

## .XXI

„יאָ כ׳בּין דעם גורל מײַנעם ווערט!
אין פֿרעמדען סטעפּ, אַ שטאַרקעס פֿערד
דעם שלעכטען רײַטער וואַרפֿט אַראָפּ
און יאָגט זיך שנעל אַהײם גאַלאָפּ,
געפֿינענדיק דעם קירצסטען וועג...
און איך?... אימזיסט איז פֿול אָהן ברעג
מײַן האַרץ מיט בענקשאַפֿט און פֿאַרלאַנג:
דאָס איז אַ שוואַכער פּוסטער דראַנג,
אַ קרענק פֿון זין, פֿון טרוים אַ בלענד.
געבליבען ז׳פֿון די תּפֿיסה־ווענט

אַ חתימה טיף אין מיר... אַזוי
ז׳דאָס תּפיסה=בלימעל: וואַקסט אָהן טוי,
איז צווישען פּיכּטע פליטעס בלייך;
האָט לאַנג די בלעטלעך יונג און ווייך
נישט אויפגעמאַכט, האָט אלץ געוואַרט
אַ שטראַל, וואָס זאָל עס קוויקען צאַרט...
און ס׳לויפט די צייט, אַ האַנט אַ ליבּ׳
באַרירט דאָס בלימעל טרויריק=טריב
און זעצט אין גאָרטען עס אַריין
אין מיטען רויזען. פון דעם זיין
אַ זיסקייט אָטעמט טיף אין כאָד;
נאָר ווען די זון צעגליט זיך האָט,
האָט גלייך איר שטראַל אויף טויט פאַרברענט
דאָס בלימעל פון די תּפיסה=ווענט...

## XXII.

„און ווי די בלוב האָט מיך געברענט
דער פֿלאַם פֿון טאָג און האָט געבלענדט.
אומזיסט האָב איך אין גראָז אַראָפּ
פֿאַרבאָרגען טיף מײַן מידען קאָפּ:
פֿון דאַרע בלעטער, וואָס אַרום,
אַ דערנער־קרוין מײַן קאָפּ פֿלעכט־אום, —
און ס'האָט די ערד אַליין געגליט,
מיט פֿײַעראָטעם מיך געבריט.
און לײַכטענדיק אין הייבקייט פֿליט
שנעל פֿונק נאָך פֿונק. אַ דאַמף זיך הייבט

פֿון ווײַכע פּעלזען. שטאַר־פֿאַרטויבט
געשלאָפֿן איז גאָטס וועלט אַרום
אין שווערען שלאָף פֿאַרזונקען שטום.
האָלט ערגעץ כאָטש אַ קאָרעסטעל,
צי פֿון אַ גריל אַ לעבעדיק טרעל
דערהערט זיך, צי פֿון טײַכעל גאָר
אַ קינדיש מורמלען... ס'שאָרכעט נאָר
אין טרוקענעם בוריאַן אַ שלאַנג;
איר געלער רוקען פֿינקעלט לאַנג,
גלײַך ווי אַ קלינג, וואָס איז באַצירט
מיט אויפֿשריפֿט גאָלדנער, שעמערירט;
זי קריכט זיך פֿאָרזיכטיק, צושאַרט
דעם מעליק' זאַמד און שפּילט זיך צאַרט,
און שפּילענדיק פֿלעכט זי זיך אײַן
דאַן אין אַ דרײַפֿאַך רונג גאָר פֿײַן;
און דאָ, ווי אָפּגעבריט פֿון וואָם.

הייבט זי אָן שפּרינגען אינ׳ם גראָז,
און שווינדט אַוועק אין שטרויבען ווײַט..

## .XXIII

דער הימעל שטיל פֿון יעדער זײַט.
עס שפּרייטען דאַמפּען זיך, דורך וויי
און ווײַטקייט שוואַרצען בערג זיך צוויי.
פֿון הינטער איינעם בלאַנקט צו מיר
אַ וואַנט פֿון אונדזער מאָנאַסטיר.
קוראַ, אַראַגוואַ — שטראָם לעם שטראָם
אומפּלעבטענד מיט אַ ווילבערזוים
פֿון אינזולען גרינענדע די טריט,
זיי פֿליען דורך די וואָרצלען־מיט
פֿון שטרויכען מורמלענדע באַם זײַט...

ביז ווי איז מיר געוועזן ווײַט!
כ'וויל איפּטײַטן — נאָר אָ, ווי געשווינט
אַלץ דרייט זיך, ווי אין ווירבעלווינט,
כ'וויל שרײַען — נאָר מײַן צונג איז צינד
באַוועגלאָז, טרוקען, שטום, קיין ריר...
עס האָט געוועלטיקט איבער מיר
אַ טויטקאָשמאַר. מיר הויבט זיך אויס:
כ'ליג אויפ'ן פײַכטען גרונט, אין שוים
פון טיפען טײַבעל, — שטיל און שטום,
אַ הוישך סודות־פיל אַרום.
און ס'האָט מײַן הייסען הויכט געשטילט
אַ שטראָם אײַז־קאַלט. איך האָב געפילט,
ווי ס'שטראָמט צו מיר אין ברוסט אַרײַן...
און כ'שרעק מיך, טאָמער שלאָף איך אײַן —
אַזוי איז זיס און ליב געווען...
און איבער מיר האָב איך געזען:

אין הויכקייט דריקט זיך װעל צו װעל,
די זון דורך װעל-קריסטאָל שײַנט העל,
נאָך פֿון לבנה צאַרטער מער,
און מחנות פֿישלעך הין און הער
אין שטראַלען שפּילן זיי זיך בונט
ב׳געדענק נאָך איינס פֿון זיי אצונט,
האָט נאָר געצערטעלט זיך צו מיר.
עס איז מיט גאָלדנעם שופּן-ציר
איר רוקן פֿול באַדעקט געװען.
כ׳האָב האַרט זי בײַ מײַן קאָפּ געזען,
זי האָט געשלענגעלט זיך, געשפּילט.
מיט צאַרטען טרויער אָנגעפֿילט
דער בליק פֿון אירע אויגען-גרין...
און בּ׳ליג מיט אַ פֿאַרגאַפֿטען זין;
איר זילבער-קול׳בֿעל שטילערהייט
געמורמעלט האָט מיר מאָדנע רייד,

עס וויגט און אויף דאָס ניי פאַרגייט.
עס האָט געזאָגט: מיין קינד, דאָ זיי,
מיט מיר פאַרבלייב זשע דו;
און וואַסער איז דאָך לייבען פריי —
אַ קעלט, אַ שטילע רו.

ב׳רוף מיינע שוועסטערס באַלד אַהער:
מיט טאַנק דערפרייען מיר
דיין טרויעריג בליק, וואו ס׳גלאַנצט אַ טרער,
דיין מידען גייסט אין דיר.

שלאָף־איין! עס איז דאָ וויך דיין בעט,
דיין צודעק העל און קלאָר.
און רויש פון וואנדער־טרוימען וועט
פאַרשווינדען יאָר נאָך יאָר.

אָ. ליבער מײַן! איך זאָג דיר גלײַך
אַז כ׳ליב דיך אָהן אַ ברעג;
כ׳ליב, ווי אַ פֿרײַען שטראָם פֿון טײַך,
ווי מײַנע לעבענס־טעג...״

און כ׳האָב געהערט עס וועהר לאַנג;
און ס׳האָט געדולט, דער אינדרען־קלאַנג
האָט מיט די ווערטער זיך פֿאַראייניגט
פֿון גאָלדען פֿישעל, וואָס באַ׳חנ׳ט.
און מער געדענק איך ניט. גאָט׳ס שײַן
פֿאַרלאָשען אין די אויגען מײַן׳.
פֿון שלאָפֿקײַט סהיק־בילד איז פֿאַרבײַ.

## .XXIV

„און דאַן–מען ברײנגט מיך דאָ אויף ס׳נײַ..
דאָס איבריגע ווייסטו אַליין.
איך האָב געענדיגט. גלויבסט, צו נײן —
מיר איז אַלצאײנס ווי ס׳זאָל ניט זײַן;
נאָר אײנס דערוועקט מײַן טיפֿען פּײַן:
מײַן קאַלטען גוף איז ניט באַשערט
צו פֿוילען אין דער הײמאַט־ערד;
ס׳וועט די מגילה פֿון מײַן לייד
דאָ בלײַבען אומבאַמערקטערהייט,—
ס׳וועט קײנער זײַן גערירט פֿון איר,
ס׳וועט קײנער טרויערן נאָך מיר

## XV, ג

„געזונט זײַ, פֿאָטער... גיב דײַן האַנט.
דו פֿילסט: ס'איז מײַנע אין אַ בראַנד...
ס'האָט פֿון די יוגענט-טעג נאָך — ווײַס —
דער פֿלאַם אין ברוסט געפֿלאַקערט הײס;
ר'האָט איצט זיך נערען נישט געקענט,
און ר'האָט די תּפֿיסה דורכגעבערענט,
און איז אויף ס'נײַ צו דעם געווענדט,
וואָס יעדען אין באַשטימטער רײַ
גיט זיסע רו און פֿינגליך ווײַ...
נאָר וואָס-זשע איז דערפֿון? — זאָל גלײַך

אין הייליגען גן־עדן־רייך
מיין גייסט געפינען היים און פריי...
נאָר אַך! פֿאַר רגע'ם פריי געמיט
אין פעלזען טונקלע, וואו איך פלעג
זיך שפילען אין די קינדהייטס־טעג,—
גיב איך די אייביגקייט אוועק!...

## .XXVI

„ווען כ'וועל שוין נעמען שטאַרבען שטיל,-
און גלויב, דו וועסט ניט וואַרטען פֿיל,—
דו הייס מיך איבערטראָגען גלייך
אין אונזער סאָד, וואו ס'בליען רייך
אַקאַציעס ווייסע שטרויכען צוויי...
ווי פֿריש און דופֿטיג צווישען זיי,
דאָס גראָז איז דאָרט אַזוי געדיכט,
און זונגען, און גאָלדען ליכט
איז יעדעס בלעטעלע באַצירט! —
דאָרט לייגט מיך דאַן, אהין מיך פֿירן.

— —

איך וויל דאָרט אין מײַן לעצטען פּײַן
זיך אָנטרינקען מיט בלויען שײַן.
מען זעט פֿון דאָרט קאַווקאַז אַ מײַן!
פֿון ווײַנע הויכקייטען וועט ער
צו לעצט מיך גריסען דאָ אַהער,
ר׳וועט גריסען דורך אַ ווינטעל־קיל
און פֿאַר׳ן סוף כ׳וועל הערען שטיל
לעם מיר אויף ס׳ניי אַ היימיש קלאַנג!
כ׳וועל קלערען שווײַגענדיג און באַנג:
אַ פֿרײַנט, צ׳אַ ברודער מיך באַוואַכט
און ווישט דעם קאַלטען שווייס שטיל־זאַכט
פֿון טויט געזיכט מיט טרייער האַנט,
און ר׳זינגט מיר טרויריג נאָכאַנאַנד
פֿון היימישען, פֿון ליבען לאַנד...
און כ׳וועל מיט דעם פֿאַרגיין אין שלאָף,
און קיינעם שילטען פֿאַר מײַן סוף״...

ווארשע, ווינטער 1919.

# „נייער פארלאג"

## № 10.



„WYDAWNICTWO NOWE"
Warszawa, Dzika № 3.